UK Health Security Agency

NHS



## וואס צו ערווארטן נאך אייער קינד׳ס

# COVID-19 וואקצינאציע



**א וועגווייזער פאר עלטערן פון קינדער פון 5 ביז 11 יאר אין עלטער**

**געפונט אויס מער ביי nhs/CovidVaccine**

E_12222_COVID-19_What_to_expect_5-11years_H200mm_leaflet 03_yid.indd 1 28/02/2022 15:09:3



# דער NHS טוט אנבאטן דעם COVID-19 וואקצין פאר אלע צוגעפאסטע קינדער.

דאס בלעטל ערקלערט וואס צו ערווארטן נאכדעם וואס אייער קינד האט געהאט זייער וואקצינאציע.

E_12222_COVID-19_What_to_expect_5-11years_H200mm_leaflet 03_yid.indd 2 28/02/2022 15:09:3

## זייטיגע ווירקונגען

אזוי ווי אלע מעדיצינען, קענען וואקצינען ברענגען זייטיקע ווירקונגען. די מערהייט פון די זענען מילדע און קורץ-טערמיניקע און נישט אלע קינדער באקומען זיי. די גאר געווענטלעכע זייטיקע ווירקונגען האלטן אן אין אלגעמיין נאר א טאג-צוויי. דער Pfizer וואקצין פאראורזאכט געווענטלעך מער זייטיגע ווירקונגען נאך דער צווייטער דאזע פון דעם וואקצין.

גאר געווענטלעכע זייטיקע ווירקונגען אין דעם ערשטן און צווייטן טאג באשטייען פון:

- שפירן א ווייטאגלעכע, וואגיקע געפיל און צארטקייט אין דעם ארעם וואו זיי האבן באקומען דעם איינשפריץ
- זיך שפירן מיד
- קאפ ווייטאג, שמערצן און קעלט-טרייסלען

זיי קענען מעגלעך אויך האבן סימפטאמען ענלעך צו פלו, מיט עפיזאדן פון טרייסלונגען אויף א טאג-צוויי. א הויכע טעמפעראטור קען אויך זיין א סימן פון COVID-19 אדער אן אנדערער אינפעקציע.

זיי זאלן זיך אויסרוהען. איר קענט זיי געבן פאראצעטאמאל (paracetamol) זיי צו העלפן זיך בעסער שפירן. ביטע באקוקט צי די דאזע און סארט פאראצעטאמאל איז ריכטיג פאר זייער עלטער.

איר קענט געפונען מער אינפארמאציע איבער פאראצעטאמאל דא www.nhs.uk/medicines/paracetamol-for-children.

אן איסערגעווענטליכע זייטיגע ווירקונג איז געשוואלענע גלענס אונטער׳ן ארעם אדער אין האלז אויפ׳ן זעלבן זייט פון דעם ארעם אין וועלכע מען האט באקומען דעם וואקצין. דאס קען דויערן ארום 10 טעג, אבער אויב עס דויערט לענגער זעט אייער דאקטער.



E_12222_COVID-19_What_to_expect_5-11years_H200mm_leaflet 03_yid.indd 3 28/02/2022 15:09:3

## וואס צו טון אויב איר זענט באזארגט איבער זייערע סימפטאמען

די סימפטאמען דויערן געווענטלעך ווייניקער ווי א וואך. אויב זייערע סימפטאמען זעען אויס ווי זיי ווערן ערגער אדער אויב איר זענט באזארגט, קענט איר רופן NHS 111. אויב איר זוכט יעוץ פון א דאקטער אדער ניאניע, מאכט זיכער זיי צו דערציילן וועגן דער וואקצינאציע (ווייזט זיי דער וואקצינאציע קארטל) כדי זיי זאלן קענען פאסיק אפשאצן אייער קינד.

איר קענט אויך באריכטן פארדעכטיקטע זייטיקע ווירקונגען פון וואקצינען און מעדיצינען אויפ׳ן אינטערנעט דורך דעם Yellow Card פראגראם אדער דורך דאונלאד׳ען דעם Yellow Card עפ.

coronavirus-yellowcard.mhra.gov.uk

## צי זענען פאראן אנדערע מער ערנסטע זייטיקע ווירקונגען

לעצטנס זענען פעלער פון אנצינדונג פון די הארץ (וואס רופט זיך מייאָקארדייטיס אדער פעריקארדייטיס) באריכטעט געווארן אין גאר זעלטענע פעלער נאך די COVID-19 וואקצינען.



E_12222_COVID-19_What_to_expect_5-11years_H200mm_leaflet 03_yid.indd 4 28/02/2022 15:09:3

די פעלער זענען צום מערסטנס אין יונגערע מענער אינערהאלב עטלעכע טעג נאך די וואקצינאציע. רוב פון די מענטשן האבן זיך געשווינד ערהוילט און זיך בעסער געשפירט נאכ׳ן זיך אפרוהען און איינפאכע באהאנדלונגען.

איר זאלט זוכן דרינגענדע מעדיצינישע יעוץ אויב אייער קינד שפירט:

- ברוסטקאסטן שמערצן
- קורצע אטעמען
- זיך שפירן ווי דער הארץ קלאפט שנעל, פלאטערנדיק אדער זעצט שטארק

## צי קען אייער קינד ווערן אנגעשטעקט מיט COVID-19 פון דעם וואקצין?

אייער קינד קען נישט ווערן אנגעשטעקט מיט COVID-19 פון דעם וואקצין אבער עס איז מעגלעך צו ווערן אנגעשטעקט מיט COVID-19 און נישט איינזען אז זיי האבן די סימפטאמען ביז נאך זייער וואקצינאציע אפוינטמענט.

די וויכטיקסטע סימפטאמען פון COVID-19 זענען דאס זיך שפירן לעצטנס איינע פון די פאלגענדע:

- א נייע פאל פון אנגייענדע הוסטן
- א הויכע פיבער
- פארלירן, אדער אן ענדערונג אין, דער געוועגנטלעכער שפירונג פון טעם אדער שמעקן (אנאסמיע)

טראצדעם וואס פיבער קען זיך טרעפן אינערהאלב א טאג אדער צוויי פון וואקצינאציע, אויב אייער קינד האט סיי וועלכע אנדערע COVID-19 סימפּטאמען אדער אויב זייער פיבער האלט אן אויף לענגער, בלייבט אינדערהיים און אראנזשירט צו האבן א טעסט.



E_12222_COVID-19_What_to_expect_5-11years_H200mm_leaflet 03_yid.indd 5 28/02/2022 15:09:3

## וואס צו טון ווייטער




נאך אייער קינד׳ס וואקצינאציע דארפט איר באקומען א רעקארד קארטל. אויב אייער קינד דארף א צווייטע דאזע, וועט זייער קומענדער אפוינטמענט זיין אין בערך 8 ביז 12 וואכן. די צווייטע דאזע וועט זיי געבן לאנג-אנהאלטנדע באשיצונג.

**האלטס זיכער אייער קינד׳ס רעקארד קארטל. אויב אייער קינד דארף א צווייטע דאזע, פארגעסט נישט צו האלטן אייער קומענדיגער אפוינטמענט.**

## אויב אייער קינד שפירט זיך נישט גוט פאר זייער באשטעלונג

אויב אייער קינד שפירט זיך נישט גוט, איז בעסער צוווארטן ביז זיי האבן זיך ערהוילט צו באקומען זייער וואקצין.

אייער קינד זאל נישט גיין צו א וואקצין באשטעלונג אויב זיי זענען אין זעלבסט-איזאלירונג אדערווארטן אויף א COVID-19 טעסט. דאס בעסטע איז איר זאלט אויסווארטן 12 וואכן נאכדעם וואס אייער קינד האט געהאט א פאזיטיווע COVID-19 טעסט אדער וויניקסטנס 4 וואכן אויב אייער קינד איז מער איינגעשטעלט.

## צי וועט דער וואקצין באהיטן אויף אייער קינד?

דער COVID-19 וואקצין וואס אייער קינד האט געהאט איז באוויזן געווארן צו רעדוצירן די אויסזיכטן פון זייער ליידן פון דעם COVID-19 קראנקהייט.

מיליאנען דאזעס זענען שוין געגעבן געווארן איבער דער וועלט. דער וואקצין איז שטארק ווירקזאם אין קינדער און יוגנטלעכע.



E_12222_COVID-19_What_to_expect_5-11years_H200mm_leaflet 03_yid.indd 6 28/02/2022 15:09:3

עס קען מעגלעך נעמען עטלעכע וואכן פאר אייער קינד׳ס קערפער זיך אויפצובויען באשיצונג פון דעם וואקצין. אזוי ווי אלע מעדיצינען, איז קיין שום וואקצין נישט אינגאנצן ווירקזאם, און דערפאר זאלט איר ווייטער אנהאלטן צו נעמען די רעקאמענדירטע באווארענישן אויסצומיידן פאר אייער אנגעשטעקט צו ווערן מיט דער אינפעקציע.

געוויסע קינדער קענען נאך אלץ באקומען COVID-19 טראצדעם וואס זיי האבן א וואקצינאציע, אבער דאס דארף אין אלגעמיין צו זיין א שוואכערע פאל.

## וואס אייער קינד קען טון נאכדעם וואס זיי האבן געהאט דעם וואקצין.

דער קען נישט געבן פאר אייער קינד COVID-19, און עס וועט רעדוצירן זייערע אויסזיכטן פון קראנק ווערן.

עס איז אבער דאך וויכטיג ווייטער נאכצופאלגן די איצטיקע נאציאנאלע אנווייזונגען. אייער קינד קען ווייטער גיין אין שול נאכדעם וואס זיי האבן געהאט דעם וואקצין.

צו באשיצן זיך און אייער פאמיליע, פריינט און קאלעגעס, מוזט איר נאך אלץ:

- קלערן איבער סאציעלע אפזונדערונג
- טראגן א פנים מאסקע דארט וואו געראטן
- זיך וואשן די הענט אפט און פארזיכטיק
- עפענען פענצטער אריינצולאזן פרישע לופט
- פאלגט נאך די איצטיקע אנווייזונגען (gov.uk/coronavirus)





E_12222_COVID-19_What_to_expect_5-11years_H200mm_leaflet 03_yid.indd 7 28/02/2022 15:09:3

## ווי אזוי COVID-19 פארשפרייט זיך

COVID-19 פארשפרייט זיך דורך טראפלעך ארויסגעאטעמט פון דער נאז אדער מויל, איבערהויפט ווען איר רעדט אדער הוסט. מען קען עס אויך באקומען דורך בארירען אייערע אויגן, נאז און מויל נאכ׳ן קומען אין באריורנג מיט פאראומרייניקטע חפצים אדער אויבערפלאכן.

## ווייטערדיקע אינפארמאציע

ביטע לייענט די פראדוקט אינפארמאציע בלעטל פאר מער דעטאלן איבער אייער וואקצין, אריינגערעכנט מעגלעכע זייטיקע ווירקונגען, אויף דעם Coronavirus Yellow Card וועבזייטל.

איר קענט אויך באריכטען פארדעכטיקטע זייטיקע ווירקונגען אויף דעם זעלבן וועבזייטל אדער דורך דאונלאד׳ען דעם Yellow Card עפּ. ווייטערדיקע אינפארמאציע קען מען געפונען ביי www.nhs.uk/conditions/coronavirus-covid-19/coronavirus-vaccination.



© Crown copyright 2022. V1 1p 500K JAN 2022 (APS)
UK Health Security Agency gateway number: 20211197.
Product code: C22W511YI Yiddish.

This leaflet is also available as an Easy Read version, braille, large print, and in Albanian, Arabic, Bengali, Bulgarian, Chinese, Estonian, Greek, Gujarati, Hindi, Panjabi, Latvian, Lithuanian, Polish, Portuguese Brazilian, Romany, Romanian, Russian, Somali, Spanish, Turkish, Twi, Ukrainian and Urdu paper copies.

אויף צו באשטעלן מער קאָפּיעס פון דעם בלעטל באזוכט www.healthpublications.gov.uk אדער רופט: 0300 123 1002 (8 אינדערפרי ביז 6 אוונט, מאנטיק ביז פרייטיק).